# הגה"ק ר' צבי הירש פריעדלענדער זצ"ל הי"ד

## בעל "שערי הישר" מליסקא

### מתולדותיו:

ער איז געבוירן געווארן א' דחוה"מ סוכות תרל"ה, צו זיין פאטער הגה"ק בעל "טל חיים" מליסקא זצוק"ל, און צו זיין מוטער הצדקנית מרת מרים לאה ע"ה, די טאכטער פון הגה"ק המקובל ר' אברהמ'לע שווארץ זצוק"ל, חדב"נ הרה"ק ר' צבי הירש מליסקא זי"ע, דער בעל "אך פרי תבואה". ווען ער איז געבוירן געווארן, איז דער אך פרי תבואה שוין נישט געווען בעולם – ער איז נסתלק געווארן צוויי חדשים פריער, י"ד אב תרל"ד, און מ'האט א נאמען געגעבן דעם רך הנולד על שמו, וואס איז געווען דער ערשטער נאמען נאך ר' הערשעלע ליסקער זי"ע.

מנעוריו האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין התמדה און יראת שמים. ביי די זיבעצן יאר איז ער שוין נסמך געווארן דורך די גדולי הדור: הגאון הגדול ר' יצחק שמעלקיש זצ"ל, דער לעמבערגער רב; הגה"ק בעל דרכי תשובה, פון מונקאטש זי"ע, און הגה"ק ר' שרגא צבי טענענבוים זצ"ל, אבדק"ק טשאטא, בעל "נטע שורק".

כשהגיע לפרקו, האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הרה"ח מו"ה ר' יצחק אייזיק בערגער ז"ל פון מאדע. נאך די חתונה איז ער פארבליבן וואוינען אין מאדע. ער האט געעפנט דארט א ישיבה וואו ער האט מרביץ תורה געווען פאר תלמידים. די תלמידים זענען שטענדיג געבליבן מקושר צו אים אפילו אין די שפעטערע יארן. אין יאר תרנ"ט איז ער געווארן אויפגענומען אלס רב אין ק"ק "גאווע". זיין פאטער דער בעל "טל חיים" האט זיך דאן אויסגעדריקט: "מיין זון איז טאקע רב אין גאווע, אבער ער האט נישט קיין גאוה"... ווייל ער איז געווען א חסיד ועניו.

נאכן הסתלקות פון זיין טאטן, ט' אייר תרס"ד, איז ער געווארן ממלא מקומו ברבנות ובאדמורו"ת. גלייך מיט זיין אויפגענומען ווערן איז ער נתפרסם געווארן אין גאנץ אונגארן, און טויזנטער אידן זענען געקומען נהנה זיין פון אים עצה ותושי' און געהאלפן צו ווערן בישועות ורפואות.

דער ליסקער רב איז געווען פאררעכנט צווישן די גאוני הדור. ער האט געפירט חילופי תשובות מיט פילע גדולי הדור, צווישן זיי דער גאון הדור דער מהר"ש ענגל זצ"ל, וועלכער האט זיך באצויגן צו אים מיט גרויס חשיבות והערצה. ער איז אויסגעקליבן געווארן צו זיין פון דעם ועד פון 10 גרויסע רבנים וועלכע זענען געווען ממונה צו געבן הוראה פאר די פרחי הוראה. ווי זיין איניקל העסקן המפורסם בנש"ק ר' עזרא פרידלענדער נ"י דערציילט, איז ער געווען פון די 12 קאנדידאטן אויפגענומען צו ווערן אלס ירושלים'ער רב אין יאר תרצ"ב נאך די פטירה פון הגה"ק ר' יוסף חיים זאנענפעלד זצוק"ל. (כידוע האט מען דעמאלט אויך אנגעטראגן די שטעלע פאר רביה"ק מסאטמאר זי"ע.) הרה"ג ר' יוסף שיינבערגער, מזכיר העדה החרדית האט איבערגעגעבן פאר ר' עזרא, אז אין די ארכיוון פון די "עדה" געפינט זיך נאך דער בריוו וואס מען האט דעמאלט געשיקט פאר זיין זיידן דער שערי הישר, אבער ער האט נישט געוואלט איבערלאזן עדת מרעיתו אין ליסקא.

זיין ידיעה אין תורת הח"ן איז געווען גאר שטארק. ער פלעגט יעדע נאכט אויפשטיין בחצות הלילה און זיך טובל זיין במקוה, דערנאך האט ער זיך געזעצט לערנען ספרי קבלה מיט גרויס התלהבות באימה וביראה, אויך פלעגט ער דעמאלט שרייבן אסאך חידושי תורה בקבלה. הגה"ק ר' ישראל צבי ראטטענבערג זצ"ל, בעל "אור מלא" פון קאסאן, האט זיך אויסגעדריקט מיט גרויסע זאכן איבער זיין קענטעניס אין קבלה.

ער איז געווען א דרשן מפואר און א פה מפיק מרגליות. ביי זיינע דרשות אין די הייליגע טעג פלעגט זיין ביי די אנוועזענדע גרויסע בכיות און פילע אידן זענען נתעורר געווארן צו תשובה. ביי זיין איינצוגס דרשה אין ליסקא וואס איז געווען משולב פון חריפות ובקיאות הלכה ואגדה, איז דעמאלט אויך אנוועזנד געווען זיין פעטער, הרה"צ הישיש ר' יוזפא גאלדבערגער זצ"ל, חדב"נ פון ר' הערשעלע ליסקער זי"ע, וועלכער האט זיך טראץ זיין עלטער מטריח געווען צו קומען צו די דרשה. נאך די דרשה האט ער אים געגעבן א קוש אויפן שטערן און זיך אנגערופן צו אים מיט גרויס התפעלות: "מיט די דרשה וואלסטו זיך נישט געדארפט שעמען אפילו מיט דיין גרויסן זיידן!"

ווען עס האבן זיך אנגערוקט די גדיכטע שווארצע וואלקענס אויפן אייראפע'אישן אידנטום, און די נאציס האבן שוין דורכגעפירט זייער הריגות ושמדות ר"ל אויף די אידן אין פוילן, האט דאס הארץ פונעם צדיק געבלוטיגט פון צער. זיין זון, הרה"צ ר' יוזפא זצ"ל, דער ליסקער רבי האט דערציילט, אז אין יענע תקופה האט ער אמאל געזען אין איינע פון די קאלטע ווינטער נעכט, ווי זיין טאטע שטייט ביי די טיר פון שטוב מיט א לייכטן מלבוש, און נישט באמערקענדיג אז זיין זון שטייט דארט, האט ער געזאגט אט די מורא'דיגע ווערטער, בזה"ל: "רבוש"ע, ווי קען איך שלאפן אין א ווארעמען בעט, ווען אין פוילן רודפ'ט מען אידן. ווי קענסטו די וועלט לאזן אָנגיין ווען אידן ליידן אלע ערליי יסורים. זיי זיך מרחם אויפן כלל ישראל!"

אין יאר תש"ד נאך פסח, ווען נאצי דייטשלאנד האט איינגענומען אונגארן, איז ער אוועקגעפירט געווארן צוזאמען מיט אלע ליסקער אידן אין דעם איהעל'ער געטא, וואו ער האט דארט אויך ממשיך געווען מיט זיין עבודת הקודש. ער פלעגט דארט זאגן ווארעמע הארציגע שלוש סעודות תורות מיט וואס ער האט מחזק געווען די לבבות נשברות.

איין טאג איז אנגעקומען דארט אַן אונגארישער אפיציר, אנגעטאן אין מלבושים פון א גלח, און ער האט געזאגט אז מען האט אים געשיקט ארויסראטעווען פון דארט דעם ליסקער רב. אבער ברוב צדקתו האט ער זיך אנטזאגט מיטצוגיין מיט אים, זאגענדיג אז ער וויל נישט איבערלאזן די אידן און זיין משפחה און זיך אליין ראטעווען. צום סוף איז ער ליידער געפירט געווארן קיין אושוויץ, וואו ער איז אומגעקומען עקד"ה כ"ז אייר, תש"ד.

צווישן זיינע קינדער איז געווען הגה"צ ר' יוזפא פרידלענדער זצ"ל, מח"ס "צבי וחמיד", וועלכער האט איבערגעפלאנצט דעם ליסקער חסידות דאהי אין אמעריקע, וואס ווערט געפירט דורך בנו ומ"מ כ"ק אדמו"ר הגה"צ ר' צבי הירש פרידלענדער שליט"א, דער ליסקער רבי אין בארא פארק, און זיין ברודער, הרה"ג המפורסם ר' אברהם יהושע העשיל פרידלענדער שליט"א, אבד"ק היבנוב, מח"ס חסדי אברהם על הלכות רפואה בשבת, ורב דביה"ח מיימאמענדיס.

ער האט געהאט געשריבן 30 חיבורים בכל מקצועות התורה, אבער ליידער איז נאר פארבליבן דערפון דער ספר שערי הישר.



הגה"ק ר' צבי הירש פריעדלענדער זצ"ל הי"ד
בעל "שערי הישר" מליסקא

### עובדות:

עס האט דערציילט הרה"ג ר' פנחס שטערן, דער סערענטשער רב פון לאנדאן, אז ער איז אמאל געווען אויף יוה"ק ביים ליסקער רבי'ן בעל שערי הישר, און ער האט אים מכבד געווען צו שלאפן אין איין צימער צוזאמען מיט אים. ווען ר' פנחס איז געגאנגען שלאפן, האט ער געזען ווי דער ליסקער רבי הויבט אָן צו לערנען מס' יומא. ווען ער איז אויפגעשטאנען האט ער געזען ווי דער ליסקער רבי זיצט נאך אלץ ביי די גמרא, און ער האט פונקט פארענדיגט די גאנצע מסכת!

### מדברי תורתו:

ער טייטשט אין די וואכעדיגע סדרה פר' בחוקותי, אז די קדמונים פרעגן אויף דעם וואס חז"ל זאגן "שכר מצוה בהאי עלמא ליכא", אמער, דער אויבערשטער איז דאך שומר משמרתו של תורה, דארף דאך דער אויבערשטער מקיים זיין דעם לאו פון "ולא תלין פעולת שכיר" און באצאלן אויף די וועלט. נאר איינע פון די תירוצים איז, אז וויבאלד עס שטייט דאך, "אלמלא הקב"ה עוזרו לא יכול לא" – ווען נישט די הילף פונעם רבוש"ע וואלט א מענטש נישט געקענט בייקומען דעם יצר הרע, במילא אלע מצוות וואס א מענטש טוט איז נאר דורכ'ן הילף פון הקב"ה, דארף דער אויבערשטער נישט באצאלן.

דאס איז אבער נאר שייך ביי תורה און עבודת ה' וואס מען מוז צוקומען צו סייעתא דשמיא צוליבן התגברות היצר. אבער ווען א איד דינט דעם אויבערשטן מיט ענינים גשמיים, אז ער האט דאס אינזין לשם שמים, איז דאך דאס אַן עבודה במחשבה, וואס אויף דעם האט דער יצר הרע נישט קיין שליטה ווייל די מלאכים ווייסן דאך נישט קיין מחשבות פון קיין מענטש, דעריבער אויף דעם דארף דער אויבערשטער יא באצאלן שכר אויף די וועלט.

דאס זאגט דער פסוק "אם בחוקותי תלכו" – ד.מ. אויב איר וועט אינזין האבן דעם אויבערשטן ביי ענינים גשמיים, ווי חז"ל זאגן חק לישני דמזוני, "ואת מצותי תשמרו" – דאס זעלבסט ווערט גערעכנט פאר א מצוה, "ועשיתם אותם" – ווי חז"ל זאגן אין מדרש "אל תקראו אותם אלא אתם", ביי דעם הייסט דאס ווי איר האט דאס אליין געטאן נישט דורך הילף פון רבוש"ע, דעריבער וועט זיין "ונתתי גשמיכם בעתם" – מען וועט באקומען שכר אויף די וועלט.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.**



דאס הויז פון בעל ההילולא זצ"ל אין שטאט ליסקא



בנו פון בעל ההילולא הגה"צ רבי יוזפא זצ"ל
מיט יבלחט"א נכדו ומ"מ כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א